פרשת שופטים ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון ט"ז ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

**פטרון סדר דברים**
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

# בך בטחתי

## ובצל כנפיך נחסה ונתלונן;
לעבן מיט 'בטחון' אויך ביי רוחניות'דיגע נסיונות

יום ראשון פנחס, י"א תמוז תשע"ט

### א

## עמוד על ימיני לסמכינו; בלויז מיט'ן אויבערשטן קענען מיר זוכה זיין צו רוחניות

### די צוויי יסודות פון בטחון ביי אַ מצוה

אין דעם פאָריגן מאמר האָבן מיר געלערנט די ווערטער פון 'רבינו בחיי' אָנהויב פרשת פנחס, וואו ער שטעלט אַראָפּ גרויסע יסודות פאר יעדן איד. וואָס געבן אונז אַ נייע דערהער צו האָבן דעם ריכטיגן צוגאַנג ביי יעדע זאַך פון דינען דעם אויבערשטן אויף אַ ריכטיגן אופן.

די ערשטע יסוד פון דעם 'רבינו בחיי' איז געווען: אַז אפילו אויב מען האָט נישט די פיזישע אָדער נפשיות'דיגע כוחות צו מקיים זיין אַלעס, **דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אַז דער רבוש"ע וועט געבן די כוחות הגוף והנפש**, וויפיל עס פעלט זיך נאר אויס!

די צווייטע יסוד וואָס דער 'רבינו בחיי' לערנט אונז איז צו געדענקן יעדעס מאָל וואָס מען טוט סיי וועלכע מצוה, **אַז דער אויבערשטער האָט אונז קיינמאָל נישט געבעטן צו 'אויפטאָן'**. דער מענטש דאַרף בלויז טון דאָס זייניגע און די תוצאות לאָזן אויף השי"ת. דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן 'פּרובירן', מיר זאָלן 'טון' וויפיל מיר קענען! **אָבער 'אויפטאָן' דאַרף מען נישט!** אָט די ידיעה אליינס גיט געוואַלדיגע כוחות נישט צו ווערן ערשעפּט, אפילו ווען עס קומט אָן שווער, נאר צו לעבן מיט אַן אמת'ע געפיל פון 'דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום'.

### דער דריטער יסוד; מיר קענען גאָרנישט אליינס

דאָס ברענגט אונז צו דער דריטער נקודה, וואָס איז ענליך צו די צווייטע יסוד:

דער 'רבינו בחיי' לערנט אונז אַז פּונקט ווי ווען אַ מענטש טוט אַסאַך פּעולות צו מקיים זיין פאַרשידענע מצוות, צ.ב.ש. 'הצלת נפשות' און 'פדיון שבוים', דאַרף ער בלויז 'טאָן' און נישט 'אויפטאָן'. די זעלבע זאַך איז ווען עס קומט צו אַזעלכע זאַכן ווי 'שקידה און התמדה בתורה' אָדער 'קנין מדת היראה', וואָס ביי די אַלע זאַכן דאַרף מען זיך אַסאַך צוגעוואוינען דערצו. **זאָל מען אויך געדענקן אז אונזער אַרבעט איז צו 'טאָן' און נישט צו 'אויפטאָן', ווייל דער מענטש מיט זיינע אייגענע כוחות קען באמת גאָרנישט באַווייזן!**

### אויך פאר 'קביעת עתים לתורה' דאַרף מען האָבן די כוחות פון השי"ת

וויפיל מאל זעט מען אידן וועלכע ווילן זייער שטאַרק זיך 'קובע עתים' זיין מיט אַ שיעור תורה, אָבער זיי קענען זיך פּשוט נישט קאָנצענטרירן. און באמת, ווען אַ איד זעצט זיך אַראָפּ נאָך אַ טאָג אַרבעט, איז דאך בלויז מסתבר אַז זיין קאָפּ זאָל אים פליען; **וויאַזוי קען מען אפילו זיך מצמצם זיין די מח צום לערנען, נאָך אַזויפיל שעות פון שווער אַרבעטן?!**

דאָס איז אַלעס אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע כוחות, און טאַקע דערפאַר דאַרף אַ איד זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, ער זאָל זאָגן: **"רבוש"ע איך וויל דיך פאָלגן, העלף מיר, געב מיר די כוחות, אַז כ'זאָל זיך קענען איינגעוואוינען צו לערנען בהתמדה"**. אַזוי קען מען טאַקע יאָ מצליח זיין, ווייל מען באַקומט די כוחות פון הימל!

### התמדת התורה – בלויז מיט 'סייעתא דשמיא'

אַ מענטש מאַכט זיך אַ פּלאַן אַז ער גייט אויפשטיין יעדן אינדערפרי פאַרטאָגס צום לערנען, אָבער איין נאַכט האָט ער אַ שפּעטע חתונה און עס קוקט אויס אַז ער גייט נישט אויפשטיין צייטליך. זאָל ער אַצינד וויסן דעם זעלבן יסוד וואָס איז נוגע ווען מען איז עוסק פאר 'הצלת נפשות' וכדומה, אַז **'איך דאַרף בלויז טון, איך קען גאָרנישט אויפטאָן'**. ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות, נאָר ער זאָל געדענקן אַז ער איז אָנגעוויזן אויף די הילף פון דעם רבוש"ע: "אויב דער אויבערשטער וועט מיך העלפן וועל איך דאָס קענען באַווייזן, און אַז נישט וועל איך טאַקע נישט קענען".

דאָס זעלבע ווען עס קומט צו לערנען פלייסיג מיט אַן התמדה, דאַרף אַ איד קענען זאָגן: "איך פאַרלאָז זיך נישט אויף מיינע כשרונות אַז איך גיי קענען לערנען 'שעות רצופות', בלויז ווייל איך האָב שוין אַזויפיל מאָל געלערנט 'שעות רצופות', נאר איך פאַרלאָז זיך נאָר אויפ'ן אויבערשטן, אַז ער גייט מיך העלפן מיט'ן לערנען".

און אַז מען לעבט אַזוי דעמאָלט איז נישט קיין חילוק צווישן אַ 'מתמיד' און אַ 'נישט מתמיד'... אפילו איינער וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט קיין 'שעות רצופות' קען זאָגן זייער רואיג: "איך פאַרלאָז זיך נישט ווייל איך קען, איך גיי לערנען ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער, איך גיי זיך אַוועקזעצן ביי דער גמרא און כ'גיי פּרובירן צו טון אַלעס וואָס איך קען, און דער אויבערשטער וועט מיר געבן די כוחות"!

### צדיקים נדמה להם כהר; ס'איז באמת אַ באַרג און מ'קען נישט אליינס

די גמרא פאַרציילט אין מסכת סוכה (דף נב א) אַז: **"לעתיד לבא מביאו הקב"ה ליצר הרע ושוחטו בפני הצדיקים ובפני הרשעים, צדיקים נדמה להם כהר גבוה, ורשעים נדמה להם כחוט השערה"**. און

דעמאָלט וועט זיין "הללו בוכין והללו בוכין"; די צדיקים וועלן וויינען ווייל זיי וועלן זאָגן "וויאַזוי האָבן מיר געקענט כובש זיין אַזאַ הר גבוה?!" און די רשעים וועלן וויינען ווייל זיי וועלן זאָגן: "וויאַזוי האָבן מיר נישט געקענט כובש זיין אַזאַ חוט השערה".

יעדער האָט שוין געהערט פון די גמרא, און ס'איז דאָ אַסאַך פשטים אויף דער גמרא, אָבער מ'דאַרף געדענקן איין וויכטיגע נקודה פון דער גמרא: לעתיד לבוא וועלן די צדיקים צוריק קוקן און זאָגן: "וויאַזוי האָב איך טאַקע מצליח געווען דאָס צו באַווייזן?! ס'איז דאָך נישט געווען שייך צו כובש זיין אַזאַ באַרג?!". און דער תירוץ איז **אַז ס'איז טאַקע נישט געווען מעגליך צו בייקומען דעם יצר הרע!** נאר ווייל דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, דערפאַר האָסטו געקענט!

מ'קען אַמאָל הערן אַזאַ שפּראַך פון פרייע אידן, אָדער גוים, וואָס זען אונזערע גרויסע משפחות בליעה"ר, און זיי וואונדערן זיך: "וויאַזוי קען מען דאָס באַווייזן?!". זיי קענען נישט פאַרשטיין אַז באמת איז דאָס טאַקע נישט שייך מיט די אייגענע כוחות, אָבער **אַז דער רבוש"ע העלפט דעמאָלט קען מען דאָס שוין איינמאָל באַווייזן!**

די צדיקים וועלן וויינען פון התפּעלות, ווייל ווען מען קוקט צוריק אויף די שוועריגקייטן אין עבודת ה', זעט מען אַז ס'איז טאַקע נישט געווען מעגליך! ווען מען רעדט פון אַלע סאָרט ענינים וואָס אַ מענטש דאַרף כובש זיין דעם יצר הרע, קען מען טאַקע נישט אליינס, בלויז מיט די כוחות וואָס דער אויבערשטער גיט פאַר יעדן איד!

ב

# כי לא תעזוב נפשי לשאול; אונזער חיזוק אין די שווערע נסיונות פון טעכנאָלאָגיע

## דער ביטערער מציאות פון די נסיונות הדור

אָט די נקודה, וואָס מיר האָבן געלערנט אין די ווערטער פונעם רבינו בחיי, אַז אַ איד דאַרף טאָן און נישט אויפטון - ווייל די חלק פון די תוצאות דאָס קען בלויז דער אויבערשטער אויספירן, אויף אונז ליגט בלויז דער חיוב צו טון וואָס מען דאַרף - איז זייער שטאַרק נוגע אויף דעם היינטיגן מצב, אין דעם דור וואו מיר געפינען זיך.

ווען מען קוקט זיך אום מיט אַ ריכטיגן בליק, זעט מען אַז **דער רבוש"ע האָט אַריינגעלייגט אונזער דור אין אַ נישט פּשוט'ן מצב**, מיט די אַלע טעכנאָלאָגישע כלים וואָס קומען אַרויס. ס'איז זייער ביטער.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער מציאות, האָט מען זיך צאַמגענומען אַז מען גייט דאָס גענצליך אסר'ן, ווייל דער אויבערשטער וויל דאָך אַז מען זאָל זיין 'סור מרע' און מען זאָל נישט אָנקומען לידי מכשול.

שפּעטער האָט מען געזען אַז די כלים דרינגען אַריין, בכל קצוי תבל, אויף אַלע סאָרט אופנים וואָס מענטשן דאַרפן דערצו אָנקומען, די רבנים האָבן פאַרשטאַנען אַז דער רבוש"ע וויל אַז מען זאָל טון עפּעס מער. האָבן ערליכע אידן זיך אַריינגעלייגט צו אַהערשטעלן גוטע 'פילטערס' אַז אידן זאָלן נישט נכשל ווערן, מען זאָל נישט צוקומען חלילה צו וואָס מען דאַרף נישט צוקומען.

אָבער נאָך אַלס איז דאָס אַ ביטערע נסיון, וואָס ווערט מיט יעדעס יאָר אַזויפיל שווערער. אומוועלנדיג הייבט די טעכנאָלאָגיע אָן צו איבערנעמען דעם גאַנצן מהלך החיים, אויף אַזאַ פאַרנעם אַז די אַלע השתדלות זענען נישט אַלעמאָל גענוג.

## די שוועריגקייט פון אידן וואָס ווילן זיין ערליך

דער מצב איז עפּעס אַזוי שווער און אַזוי אָנגעשטרענגט אַז מענטשן וואָס ווייסן אַביסל וואָס טוט זיך אָפּ, האָבן אַמאָל אַ וואונדער: "וואָס וויל דער אויבערשטער פון אונזער דור?! וואָס נאָך קען מען טון?!".

ס'איז דאָ אַסאַך מאָל וואָס מען האָט שוין באמת פּרובירט צו טון אַלעס וואָס איז שייך, אָבער פּלוצים קומט אונטער אַ פרישע נסיון פון אַ פּלאַץ וואָס מען האָט גאָרנישט געטראַכט; און עס קומט ליידער אָן צו יונגע אידישע נשמות, ערליכע בחורים, אויף אַזעלכע סאָרט אופנים משונים, וואָס מען קען אפילו גאָרנישט טון וועגן דעם געהעריג.

אודאי דאַרף מען פּרובירן צו טון אַלעס וואָס איז נאָר שייך, אָבער וויפיל מאָל פרעגן אידן מיט חלישות הדעת און עגמת נפש: "וואָס נאָך קען טאָן?! איך האָב דאך שוין אַלעס פּרובירט, איך האָב געלייגט די גרעסטע שמירה, גדר על גבי גדר, חומה על גבי חומה, אָבער פון איין מינוט צו דער אַנדערער איז עפּעס אונטערגעקומען פון אַ ווינקל וואָס מען האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן און ערליכע אידישע נשמות זענען געוואָרן אָפּן פאַר שרעקליכע מכשולות".

## נאר מיט בטחון בה' קען מען געראַטעוועט ווערן

וואָס איז טאַקע דער אמת?! דער אמת איז אַז מיר קענען זיך טאַקע נישט באַשיצן! מיר קענען זיך נישט מסדר זיין! **אויב גייען מיר זיך פאַרלאָזן אויף אונזערע עצות און תחבולות וועלן מיר זיכער נישט קענען מצליח זיין!** אודאי דאַרף מען טון אַלע 'גדרים וסייגים', **אָבער ווען ס'קומט צו דעם חלק פון זיך 'פאַרלאָזן' דערויף, איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, נאר צו זיין פון די "וקוי השם". האָפן צום אויבערשטן!**

> איך גיי זיך אוועקזעצן ביי דער גמרא און כ'גיי פּרובירן צו טון אַלעס וואָס איך קען, און דער אויבערשטער וועט מיר געבן די כוחות

אַ איד דאַרף וויסן אַז ער איז אין אַ מקום סכנה! אינאיינעם מיט אַלע 'שמירות' וואָס מען האָט געטון קען מען נישט זיין פאַרזיכערט מיט גאָרנישט! נאר דער אויבערשטער דאַרף העלפן יעדע איינציגסטע טאג, און אַז דער מענטש איז נישט קיין 'בטוח בעצמו', דעמאָלט וועט דער אויבערשטער אים טאַקע העלפן! **דער רבוש"ע וועט היטן אונזערע קינדער פון די אַלע נסיונות פון דער גאַס, ווייל אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף אים וועט דער אויבערשטער נישט אָפּלאָזן דעם מענטש!**

דאָס דאַרף מען גוט אַריינגעמען אין מח: דער רבוש"ע וויל אַז מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אים! געוויס דאַרף מען טאַקע מאַכן די שטאַרקסטע גדרים, מען טאָר זיך נישט אַריינלייגן אין קיין מקום סכנה ברוחניות, אָבער מען זאָל נישט פאַרגעסן אַז מען דאַרף לעבן מיט'ן אויבערשטן! **אויב מען האָט נישט קיין סייעתא דשמיא קען דען העלפן אַ גדר?! קען דען העלפן אַ חומה?!** דער גדר איז אונזער 'השתדלות' וואָס מיר זענען מחויב צו 'טון', אָבער ווען ס'קומט צו 'אויפטון', **דאָס קען נאר דער אויבערשטער!**

וועט דער מענטש פרעגן: "נו, אויב אַזוי בין איך געבליבן במקום סכנה?!". דער תירוץ איז אַז יאָ! דו ביזט נישט פאַרזיכערט! **דערפאַר איז אַזוי וויכטיג אַז דו זאָלסט געדענקן דעם אויבערשטן!** אַז דו וועסט אים געדענקן וועט ער דיך אָפּהיטן!

## אַז מען נעמט; דער לימוד פון די אמוראים וויאַזוי צו געראַטעוועט ווערן פון נסיונות

די גמרא דערציילט אין מסכת **עבודה זרה** (יז ב) אַז ר' חנינא מיט ר' יונתן זענען געגאנגען אין וועג. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו אַ שיידוועג האָבן געהאַט אַ גרויסע שאלה; זאָל מען גיין דורך אַ וועג וואו ס'איז געווען עבודה זרה אָדער זאָל מען גיין דורך אן אַנדערע וועג וואו ס'איז געווען אומריינע זאַכן.

האָט איינער פון זיי געזאָגט אַז אפשר זאָל מען ענדערש גיין דאָרט וואו ס'איז דאָ עבודה זרה, ווייל ס'איז דאך שוין נישטאָ היינט קיין יצר הרע פון עבודה זרה. אָבער דער אַנדערער האָט געזאָגט אַז ענדערש זאָל מען גיין אויף אַ פּלאַץ וואו ס'איז יאָ דאָ אַ יצר הרע און זיי וועלן כובש זיין דעם יצר הרע און באַקומען שכר דערפאַר.

ווען זיי זענען אָנגעקומען דאָרט זענען זיי

טאַקע געגאַנגען אויף דעם וועג וואו ס'איז געווען אַ גרעסערע יצר הרע, און למעשה דערציילט די גמרא אַז פון זייער גרויסע קדושה איז די גאַנצע טומאה בטל געוואָרן און זיך אויסבאַהאַלטן.

נאָכדעם האָט דער ערשטער (וואָס האָט געהאַלטן אַז מען טאָר נישט דאָרט גיין) געפרעגט פונעם אַנדערן, וויאַזוי האָסטו געוואוסט אַז מען מעג גיין אויף אַזאַ פּלאַץ?! אַ מענטש טאָר זיך דאָך נישט פאַרלאָזן אויף זיך, אפשר וועט ער נכשל ווערן, וויאַזוי האָסטו נישט מורא געהאַט פון דעם יצר הרע?!

האָט אים דער חבר געענטפערט אַ פּסוק אין **משלי** (ב, יא): **'מְזִמָּה תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ תְּבוּנָה תִנְצְרֶכָּה'.** די פּשוט'ע טייטש פון דעם פּסוק איז אַז די תורה-וואָס ווערט אָנגערופן 'מזמה' - וועט היטן אויף דעם מענטש, אָבער דער אמורא האָט אַריינגעטייטשט אין דאָס וואָרט 'מזמה', אַז דאָס מיינט אויך אַז די תורה וועט דיר העלפן פון אומריינע זאַכן. די תורה הק' גיט אַכטונג און עס גיט דעם כח אַז מען זאָל נישט חלילה דורכפאַלן.

## אנשים פשוטים טאָרן זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין נסיונות

די גמרא גיט אונז אַ קלאָרקייט אין דער סוגיא צו פאַרשטיין אַז ווען אַ מענטש שטייט פאָרנט פון צוויי וועגן, און ער איז אַ פּשוט'ער מענטש, וואָס ווייסט נישט צי ער קען עומד בנסיון זיין, טאָר ער אודאי נישט גיין אויף דעם סכנה'דיגן וועג, ווייל **ער טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות אַז ער וועט קענען בייַשטיין דעם נסיון.**

אָבער גרויסע מענטשן, די הייליגע צדיקים, וואָס זיי ווייסן ביי זיך אַז **זיי פאַרלאָזן זיך גאָרנישט אויף זייערע אייגענע כוחות, זיי זענען זיך אינגאַנצן בוטח אויפ'ן אויבערשטן און אויף די תורה,** האָבן זיי טאַקע נישט מורא געהאַט אפילו פאר אַ סעקונדע. זיי האָבן זיך געקענט טרויען צו גיין אויף אַ וועג פון נסיונות, ווייל די תורה הק' האָט דאָך געגוג כוחות, דער רבוש"ע קען געבן די שטאַרקסטע כח זיך צו מתגבר זיין אויף די נסיונות.

אין אַנדערע ווערטער, מיר זענען פּשוט'ע אידן וואָס אויב מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אויף אונזערע אייגענע כוחות דעמאָלט איז דאָס פאַרקערט ווי אַ 'בוטח בהשם', און דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס מען דאַרף אַזוי שטאַרק אַכט געבן. ווען ס'איז דאָ אַ מעגליכקייט פון צוויי וועגן טאָר אַ מענטש נישט גיין אָדער האָבן שייכות מיט אַזעלכע פּלעצער אָדער זאַכן וואו ער קען נכשל ווערן, ווייל ווען ער טוט דאָס ליגט דערינען אַ געפיל אַז ער איז אַ 'בוטח בעצמו' און דעמאָלט קען ער זיכער נישט האָבן קיין סייעתא דשמיא.

> **דער רבוש"ע וועט היטן אונזערע קינדער פון די אַלע נסיונות פון דער גאַס**

## בשעת אַ נסיון איז די עצה; זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן

אָבער למעשה געפינען מיר זיך אין אַ וועלט וואו עס קומט אונטער אַזויפיל סאָרט סיטואַציעס, וואָס דער מענטש האָט פּשוט נישט קיין ברירה, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן און ער האָט ניטאַמאָל קיין אויסוואַל פון גיין אויף אַן אַנדערע וועג.

דעמאָלט, אין אַזאַ פאַל, קענען מיר זיך יאָ באַנוצן מיט די עצה פון די הייליגע אמוראים. ווען מען טרעפט זיך אין אַזאַ מציאות, דאַרף מען פּשוט זיך בוטח זיין אַז דער אויבערשטער וועט העלפן! און **דער אויבערשטער וועט אונז טאַקע העלפן, אויב מען פאַרלאָזט זיך נישט אויף די אייגענע כח!**

## אַז מען איז יונק 'חיות' פון השי"ת קען מען זיך מתגבר זיין

דער כלל איז אַז צו זיין אַן ערליכער איד בקדושה, ווענדט זיך וויפיל מען פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת! בטחון אין הקב"ה העלפט זיך צו קענען ראַטעווען פון די אַלע נסיונות!

די הסבר דערצו איז זייער פּשוט: ווען אַ מענטש איז 'יונק' זיין 'חיות' פון אַזעלכע 'צינורות' וואָס זענען פאַרבינדן מיט דרך הטבע, ער באַקומט זיין חיות פון דער טבע, **דעמאָלט ווערט ער נמשך צו די מגושם'דיגע זאַכן וואָס דער גוף שלעפּט דערצו,** ווייל זיין חיות קומט דאָך פון דער טבע.

פּשוט'ע מענטשן קענען דאָך נישט זאָגן אויף זיך אַז זיי זענען אינגאַנצן ריין דערפון, דעריבער טאָר מען זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין נסיונות, אָבער **ערליכע אידן האָבן יונק געווען זייער גאַנצע חיות בלויז פון השי"ת, מיט אַ געוואַלדיגע בטחון,** דעריבער האָבן זיי זיך געקענט אַריינלייגן אין אַ מצב פון נסיון, ווייל זיי זענען נישט נמשך געוואָרן נאָך מגושם'דיגע זאַכן וואָס איז פאַרבינדן מיט 'דרך הטבע'.

ווי געזאָגט, קענען מיר זיך אויך באַנוצן מיט דעם מהלך, יעדעס מאָל ווען מען שפּירט אַז מ'האָט נישט קיין אַנדערע אויסוועג, קען דער מענטש אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל און זאָגן: **"איך קען נישט מיט מיינע אייגענע כוחות, רבוש"ע געב מיר די כוחות".** אַז מען וועט אַזוי טון וועט מען יונק זיין דאָס חיות פון אַ הייליגע פּלאַץ, און יענע חיות וועט אים נישט שלעפּן צו קיין נסיונות!

## לעבן מיט דער תורה איז די בעסטע שמירה

דער פּסוק איז אונז מבטיח אַז אויב ס'וועט זיין: **"וזכרתם את כל מצות ה' אלקיכם"**, דעמאָלט וועט זיין: **"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם"**. איינער וואָס שעפּט זיין חיות פון די תורה און פון רוחניות וועלן די אַלע נסיונות נישט רעדן צו אים!

דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס די תורה איז מציל דעם מענטש פון חטא, ווייל אַז מען לערנט די הייליגע תורה באַקומט מען דאָך חיות פון דער הייליגער תורה, און ממילא ווערט מען נישט נמשך נאָך אַנדערע זאַכן. דער רבוש"ע קען געבן אַזאַ סאָרט חיות וואָס וועט נישט שלעפּן דעם מענטש צו קיין גשמיות און תאוות.

## די עצה פאר 'תאות אכילה'; געדענקן דעם חיות ה' וואָס ליגט אין דאָס עסן

אויף דעם זעלבן אופן האָבן צדיקים געאַרבעט אויף 'תאות אכילה'; ווען זיי האָבן געגעסן האָבן זיי קלאָר געוואוסט: **ווער מאַכט אַז דאָס עסן זאל מיך זעטיגן? דאָס איז נישט די גשמיות'דיגע מאכל! נאר דער רבוש"ע וואָס לייגט אַריין זיין חיות אין דעם מאכל!** ווייל אַ גשמיות'דיגע עסן קען דאָך נישט מאַכן אַז דער מענטש זאל ווערן געזעטיגט און באַקומען דעם ריכטיגן ישוב הדעת, עס איז בלויז דער שם הוי' וואָס ליגט אין יעדע מאכל וואָס דאָס מאַכט זאַט דעם נפש פונעם מענטש.

און וויבאַלד די ערליכע אידן האָבן געדענקט אַז דאָס 'רוחניות' פונעם עסן גיט זיי זייער חיות, דערפאַר האָט דאָס עסן טאַקע זיי נישט מגשם געווען!

ווען אַ מענטש זעט אַ געשמאַקע שטיקל פלייש און ער זאָגט: "איך וויל נישט הנאה האָבן פון דעם פלייש", אַרבעט עס נישט געווענליך... אָבער די צדיקים האָבן ביי יעדע זאַך געזען די חיות וואָס דער אויבערשטער אַריין אין דעם שטיקל פלייש. אַזוי האָבן זיי זיך מקשר געווען צו די רוחניות'דיגע חלק דערפון, **האָבן זיי באַקומען זייער חיות פון יענע פּלאַץ, און זיי זענען במילא נישט געוואָרן נמשך נאָך די גשמיות'דיגע תאוה דערפון!**

# בטח בה' ועשה טוב; דער חילוק פון בטחון ביי עניני גשמיות און בטחון ביי עניני רוחניות

## די ריכטיגע וועג צו מקיים זיין יעדע מצוה איז דורך בטחון

לאָמיר נאר מאַכן אַ סך הכל אויף דעם יסוד וואָס מען האָט געלערנט ביז יעצט: ס'איז נישט מעגליך צו מקיים זיין קיין איינס פון די 613 מצוות אויב מען האָט פאַרלאָזט זיך נישט אויפ'ן אויבערשטן אַז ער וועט אונז געבן די כח און מח דאָס צו מקיים זיין בשלימות!

אויב מען האָט נישט אָט די בטחון דעמאָלט אפילו מען האָט טאַקע געטון די מצוה האָט מען נישט באַקומען די חיות פון דעם ריכטיגן פּלאַץ, און ס'איז נישט קיין שלימות.

דעריבער דאַרף מען איידער יעדע מצוה מתפלל זיין אַז די מצוה זאל מצליח זיין און אַז מ'זאָל האָבן די כוחות הגוף און כוחות הנפש דאָס צו

**איינער וואס שעפּט זיין חיות פון די תורה און פון רוחניות וועלן די אלע נסיונות נישט רעדן צו אים!**

מקיים זיין. דערביי זאָל מען געדענקן אַז: ״איך קען בלויז ׳טון׳, איך קען נישט ׳אויפטון׳ און איך דאַרף נישט אויפטון״! אַ איד האָט באַקומען דעם חיוב צו טון די מצוה און דער אויבערשטער וועט אים שוין העלפן אַז עס וועט זיין ווי עס דאַרף צו זיין!

### וואָס איז דער חילוק צווישן ׳בטחון בגשמיות׳ און ׳בטחון ברוחניות׳

צום שלוס פון דער סוגיא האָט אַ אינגערמאַן אַריינגעשיקט אַ שאלה: פאַרוואָס ווען מען האָט גערעדט איבער דעם ענין פון בטחון ביי ׳גשמיות׳, איז געווען די שפּראַך אַז אַ איד דארף זיך פאַרלאָזן אויפ׳ן אויבערשטן אַז וואָס דער אויבערשטער וועט טון וועט זיין דאָס בעסטע: ״איך ווייס נישט וואָס דאַרף זיין און איך ווייס נישט וואָס איז באמת גוט, איך בין מבטל מיין רצון צו דעם רצון ה׳ און וויאַזוי ער וועט פירן איז די בעסטע זאַך״.

ווידעראום ווען עס קומט צו בטחון ביי ׳רוחניות׳ איז דער סגנון אַז דער מענטש דארף זיך פאַרלאָזן אַז דער רבוש״ע גייט אים זיכער העלפן אַז ער גייט מצליח זיין אין רוחניות, פאַרוואָס האָט מען געביטן די שפּראַך? אפשר קען מען ביי רוחניות אויך זאָגן אַז ״ווער זאָגט אַז דאָס וויל דער אויבערשטער יעצט?״.

### ביי אַ מצוה זענען מיר זיכער אַז דאָס איז דער רצון ה׳

דער תירוץ דערויף שטייט קלאָר אין ספר אמונה ובטחון המיוחס רמב״ן, וואָס טייטשט דער פּסוק ״בטח בה׳ ועשה טוב״, אַז איידער אַ איד גייט טון אַ מצוה זאָל ער האָבן בטחון אַז דער רבוש״ע גייט אים העלפן טון די מצוה מיט אַ שלימות! וזה לשונו: ״**בטח בה׳ ועשה טוב, הקדים להזהיר על הביטחון תחלה, ואחר כך על המעשה הטוב, להודיע שהביטחון הוא שיבטח בו שיעזרהו לעשות מצוותיו.**״

דאָס ווערט אויך ברייטער אויסגעשמועסט אין ׳**חובת הלבבות**׳ **שער הבטחון**, אַז ביי אַזעלכע זאַכן וואָס דער מענטש ווייסט זיכער, אָן קיין שום ספק, אַז דער אויבערשטער וויל אַז ער זאָל דאָס טון, דעמאָלט קען ער זיין רואיג און פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער גייט אים טאַקע העלפן!

### ביי אַ רוחניות׳דיגע זאַך קען מען רואיג האָבן בטחון אַז ס׳וועט זיך אויסאַרבעטן

צום ביישפּיל: ווען אַ איד איז עוסק אין ׳פּדיון שבוים׳, וויל דער אויבערשטער אַז ער זאָל יעצט ׳טון׳ די מצוה, אָבער דער מענטש האָט נישט קיין הבטחה וואָס דער אויבערשטער גייט טון נאָכדעם. עס דאַרף אים אפילו נישט אָנגיין וואָס גייט זיין די תוצאות, ווייל **דאָס איז נישט קיין חלק פון דער מצוה.** ער דאַרף ׳טון׳ דאָס זייניגע און די ׳תוצאות׳ זאָל ער איבערלאָזן פאַר׳ן אויבערשטן.

ווידעראום ווען ס׳קומט צו אַ מצוה ווי לייגן תפילין, דעמאָלט איז דאך זיכער אַז דער אויבערשטער וויל ער זאָל לייגן תפילין. דעריבער **קען דער מענטש זיין רואיג אַז דער רבוש״ע גייט אים העלפן!**

דאָס זעלבע ווען ער זעצט זיך אַוועק ביי דער גמרא, קען ער זיין זיכער אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן אַז ער זאָל קענען לערנען, ווייל **דאָס וויל דער רבוש״ע אַז אַ איד זאל לערנען!**

דאָס איז אַזוי אויך לגבי ׳יראת שמים׳ און ׳שמירת עינים׳. ס׳איז דאך זיכער אַז דער אויבערשטער וויל אַ איד זאָל זיין אַ ירא שמים און ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיינע אויגן. ס׳איז נישטאָ קיין שום ספיקות דערינען! במילא קען דער מענטש זיין ׳בטוח׳ אויף הונדערט פּראָצענט אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן! אָבער מיט דעם תנאי אַז ער זאָל זיך טאַקע בוטח זיין אין דעם אויבערשטן, און נישט אויף זיינע אייגענע כוחות!

דאָס איז אַנדערש ביי גשמיות׳דיגע זאַכן, וואָס דאָרט האָט דאָך דער מענטש אַלעמאָל אַ ספק. ער ווייסט נישט וואָס איז די ריכטיגע זאַך אַז עס זאָל פּאַסירן. דעמאָלט דאַרף ער האָבן בטחון און מתפּלל זיין אַז ״**דער רבוש״ע זאָל אים פירן אויפ׳ן גלייכן וועג**״ און ס׳איז זיכער אַז דער אויבערשטער וועט אים טאַקע פירן ריכטיג, אויב וועט ער האָבן אַן אמת׳ע בטחון.

# חודש אלול

## דרך תשובה הורית;

### די ריכטיגע צוגאַנג צו תשובה ווען עס קומט אן ראש חודש אלול

יום ב׳ פרשת שופטים ב׳ דראש חודש אלול תשפ״א

א

## הפותח שער לדופקי בתשובה; די מתנה פון חודש אלול

### די טויערן פון תשובה וואָס עפענען זיך אין חודש אלול

אין חודש אלול עפענען זיך די ׳שערים׳ פון ׳תשובה׳ אויף אַ געוואַלדיגן פאַרנעם, אַסאַך מער ווי געווענליך.

איינס פון די פּשוט׳ע אופנים דאָס צו מסביר זיין איז אַז **אין דעם חודש קומט אַראָפּ אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא פון הימל אַז יעדער איד וואָס וויל תשובה טון העלפט מען אים!**

וואָס הייסט דאָס אַז מען העלפט אים פון אויבן?! איז דאָ דערינען צוויי חלקים; איין חלק איז אַז פון הימל שיקט מען אַ באַזונדערע התעוררות און אַ רצון אַז מען זאָל וועלן מתקן זיין די מעשים.

אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ חלק אין די ׳סייעתא דשמיא׳ פון אלול, וואָס דאָס איז אַ וויכטיגע חלק און מ׳דאַרף דאָס דערהערן כדי צו ריכטיג דערהערן די מורא׳דיגע מתנה פון ׳חודש אלול׳, וואָס דער רבוש״ע האָט געגעבן פון אידן. **דאָס איז דער ענין וואָס דער מענטש באַקומט פון אויבן די ׳שכל׳, די ׳הבנה׳ און די ׳דעת׳**, צו פאַרשטיין ׳וואָס׳ איז דאָס תשובה, און ׳וויאַזוי׳ טוט מען תשובה.

### אַ מענטש דארף זייער וויכטיג האָבן דעם ׳שכל׳ וויאַזוי זיך צו פירן ריכטיג

דער אויבערשטער גיט פאר יעדן נברא דאָ אויף דער וועלט, אַלע זיינע צרכים. ווי מיר זאָגן יעדן אינדערפרי אין די ברכה פון ׳העושה לי כל צרכי׳. אַ מענטש דארף האָבן לופט און דער רבוש״ע שטעלט אים דאָס צו. אַ מענטש דארף האָבן וואַסער, ברויט, פּרנסה, און אַזוי ווייטער אַלע זיינע צרכים, און דער אויבערשטער גיט אונז דאָס, מידו הרחבה והמלאה.

איינס פון די שטאַרקסטע צרכים וואָס אַ מענטש דארף האָבן, איז די ׳שכל׳ **צו פאַרשטיין ׳וואס׳ ער דאַרף פאַררעכטן אין זיין לעבן, און ׳וויאַזוי׳ ער קען דאָס פאַררעכטן.** ווייל אַז אַ מענטש זאָל קענען זיין אַן אמת׳ע ׳בוחר בין טוב לרע׳ מוז ער האָבן דעם שכל!

דער רבוש״ע האָט דאס טאַקע צוגעשטעלט, ער האָט אין זיין ׳אוצר מתנת חנם׳ פאר יעדן מענטש **די פּונקטליכע שכל און פאַרשטאַנד, וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פון יעדן מצב.** אָפּגעזען אין וואָס פאַראַ פּלאָנטער ברוחניות דער מענטש זאל נאר זיין, אין יעדע סאָרט סיטואַציע וואָס אַ איד טרעפט זיך, קען אים דער אויבערשטער באַלייכטן די אויגן, מיט אַ גענויע הסברה און עצה, וויאַזוי ער קען טריט נאָך טריט אַרויסגיין פון זיין מצב!

## ס'איז דאָ אַ וועג פון תשובה פאר יעדן איינעם

מיר זאָגן אין די תפלות: "**דרך תשובה הורית**" - דאָס הייסט אַז דער רבוש"ע האָט נישט בלויז אונז געגעבן אַ ציווי אַז מ'דאַרף תשובה טון. ער האָט פאַר אונז אויך אַ פונקטליכע 'מהלך' און אַן 'עצה' וויאַזוי צו תשובה טון ריכטיג!

אַ מענטש וויל תשובה טון אָבער ער זאָגט: "**כ'ווייס נישט וויאַזוי צו אָנהויבן אפילו, איך האָב נישט קיין מושג, ווען איך הייב אן דאָ פאַל איך פון דאָרט, ווען איך הייב אָן פון די פאַרקערטע וועג פאַל איך ערגעץ אַנדערש**". ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן. אָבער **דערפאַר איז דאָ אַ 'דרך תשובה' וואָס דער רבוש"ע לערנט דעם מענטש 'וויאַזוי' צו תשובה טון.**

## אין 'חודש אלול' שיקט דער אויבערשטער די ריכטיגע עצה אויף תשובה

אָט די 'שכל', אָט די 'הבנה', איז באמת דאָ גרייט פאר יעדן איינעם, נאר צומאָל איז דאָס ווייט פונעם מענטש. און דער רבוש"ע קען עס מקרב זיין צו אים. דער אויבערשטער וויל דאָס מגלה זיין פאַר'ן מענטש!

ווען אַ איד וויל פאַרשטיין סיי וועלכע ענין פון עבודת ה', וואָס טוט ער?! ער דאַוונט צום אויבערשטן און דער רבוש"ע שיקט אים סייעתא דשמיא; פונקט עפענט דער מענטש אַ ספר און ער טרעפט דאָרט אַ תשובה אויף זיין שאלה, פונקט הערט ער זיך אונטער ווי צוויי מענטשן רעדן און איינער איז מסביר דאָס ענין, פונקט שיקט אים אַ חבר אַריין אַ שיעור וואָס רעדט פון דעם ענין, א.אוו.

אַזוי אַרבעט עס ביי יעדע זאַך. דער אויבערשטער שיקט אונז זיינע לימודים, ווייל ער וויל דאך אויך אַז די 'שכל' זאל אָנקומען צו אונז. דער רבוש"ע האָט דאָך אַ תשוקה אַז מיר זאָלן באַקומען דעם ריכטיגן פאַרשטאַנד, צו וויסן וויאַזוי זיך צו פירן אַז מיר זאָלן טאַקע קענען מצליח זיין אין עבודת ה'.

## און דאָס פאַסירט אויף זייער אַ שטאַרקן פאַרנעם אין חודש אלול!

בדרך כלל איז דער מענטש ווייט פון דעם 'שכל' וויאַזוי ער קען אָנקומען צו תשובה, אָבער אין חודש אלול שיינט דער רבוש"ע אַריין די ידיעה! **אין חודש אלול איז אַ זמן מסוגל אַז דער מענטש זאל באַקומען די שכל צו וויסן 'וועלכע זאַך' ער דאַרף פאַררעכטן און 'וויאַזוי' ער קען דאָס פאַררעכטן!** אין חודש אלול איז אַסאַך גרינגער אַז די ידיעה זאל אָנקומען צו דעם מענטש און אַז יעדער איד זאל טרעפן דעם מהלך וויאַזוי צו פאַררעכטן, וואָס דעמאָלט וועט אים ווערן אַזוי ליכטיג.

> אין חודש אלול איז אַ זמן מסוגל אַז דער מענטש זאל באַקומען די שכל צו וויסן 'וועלכע זאַך' ער דאַרף פאַררעכטן און 'וויאַזוי' ער קען דאָס פאַררעכטן!

## ווען אַ מענטש טרעפט אַ 'מהלך' ווערט אים ליכטיג

מ'קען דאָס זען אפילו ביי זאַכן פון 'בין אדם לחבירו', אַז אַמאָל טרעפט מען זיך אין אן אומאַנגענעמע סיטואַציע מיט אַ חבר, מ'קען שוין נישט געהעריג רעדן מיט יענעם. צום ביישפיל אַז מען האָט גערעדט אַ שידוך צווישן זייערע קינדער, דער שידוך איז שוין געווען גאַנץ נאָנט אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער געדאַרפט זיין דער וואָס זאָגט ניין... יעצט איז אים מורא'דיג אומבאַ'טעמ'ט צו טרעפן און רעדן מיט דעם חבר, ער האָט נישט געהעריג קיין וועג וויאַזוי דאָס צו באַהאַנדלן.

ביז דער אויבערשטער העלפט, און זיי האָבן זיך אַמאָל געטראָפן ביי אַ שמחה, און פונקט איז יענער געזיצן קעגן איבער און זיי האָבן געשמאַק פאַרברענגט, מען האָט געבראָכן דאָס אייז... דעמאָלט ווערט דאָך לייכט און ליכטיג פאר דעם מענטש, דער פראָבלעם איז געענדיגט און ער דאַרף זיך נישט מוטשן דערמיט ווייטער.

ווען אַ מענטש האָט אַ פראָבלעם און דער רבוש"ע העלפט אים דאָס צו לעזן, ווערט אים ליכטיג פאַר די אויגן. **דאָס פאַסירט מיט אונז חודש אלול!** אין דעם חודש גיט אונז דער אויבערשטער די געלעגנהייט צו אַרויסגיין פון אונזערע פראָבלעמען, און ער מאַכט אַז מיר זאָלן באַקומען די 'הבנה' און די 'שכל' וויאַזוי מיר קענען דאָס באַוויזן זיך צו מסדר זיין און אַרויסגיין פון אַלע אומאַנגענעמליכקייטן.

## ותשועת נפשם מיד שונא; אַ התחדשות קעגן דעם יצר הרע

עס שטייט אין ספה"ק **בית אהרן** (סוף פרשת נח), אַז יעדן ראש חודש עפענט זיך פאר יעדן איד אַ 'נייע שכל', וואָס דאָס העלפט דעם מענטש אין אַלע מצבים מיט זיין 'יצר הרע', ווי מיר זאָגן אין די ברכה פון מוסף "ותשועת נפשם מיד שונא"!

ראש חודש איז אַזוי אויסגעשטעלט אַז מען ברענגט אַ ספעציעלע קרבן פון תשובה און דאָס ברענגט אַן 'הארה', אַ ליכטיגקייט, אַז אפילו אויב ביז יעצט האָט דער מענטש נישט געוואוסט וויאַזוי צו פאַררעכטן זיינע מעשים, ער האָט זיך געמוטשעט, אָבער ראש חודש עפענט זיך אים אַ טיר, ער דערהערט אַ נייע הבנה וויאַזוי צו תשובה טון. **דאָס געשעט יעדן ראש חודש, און אודאי אַז אום חודש אלול געשעט דאָס אויף אַסאַך אַ שטאַרקערן פאַרנעם!**

ב

# גל עיני ואביטה; דורך אונזער 'אתערותא דלתתא' וועלן מיר באַקומען אַ שפע פון 'דעת' און 'שכל'

## מיט אַביסעלע 'דעת' קען זיך דער מענטש גענצליך טוישן

ס'איז זייער וויכטיג צו פאַרשטיין אַז די עיקר זאַך וואָס עס פעלט אונז אַלעמאָל איז דער 'שכל'! די גאַנצע סיבה פאַרוואָס מענטשן פאַלן דורך, איז וויבאַלד זיי האָבן נאָכנישט באַקומען דעם 'שכל', צו פאַרשטיין אַז סלוינט זיך צו תשובה טון און וויאַזוי צו תשובה טון!

דאָס איז פונקט ווי אַ יונגער בחור'ל וואָס פירט זיך אויף צעווילדעוועט, און ס'איז ממש אַ שאָד, ווייל ער איז בעצם אַ פיינער בחור, און צוליב די עטליכע נאַרישקייטן פאַר'הרג'ט ער זיך זיין נאָמען... מען פרובירט צו רעדן מיט אים און מסביר זיין אָבער ער נאָכנישט די 'שכל' צו פאַרשטיין אַז ס'לוינט זיך אים פשוט נישט, און אַז ער קען באַקומען סיפוק פון בעסערע זאַכן. הערשט שפעטער ווען דער אויבערשטער העלפט און עס קומט די ריכטיגע טאָג ווען זיין שכל אַנטוויקלט זיך, דעמאָלט טוישט ער טאַקע זיין גאַנצע התנהגות.

אויף דעם וואַרט יעדער איד, אַז ס'זאָל זיך אים עפענען די דעת און ס'זאָל אַריינגיין אַביסל שכל! באמת איז דער 'שכל' שוין דאָ! נאר מיר דאַרפן בעטן פונעם אויבערשטן: "**גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך**" - העלף מיר אַז די אמת'ע חכמה, די אמת'ע 'שכל' זאל נקלט ווערן אין מיין מח! ס'זאָל נקלט ווערן ביי מיר די פאַרשטאַנד אַז כ'האָב נישט קיין ברירה! איך מוז זיך טוישן! און אויך זאָל איך באַקומען די שכל צו וויסן 'וויאַזוי' דאָס צו טון!

## וויאַזוי קומען מיר אָן צו דעם 'שכל'?!

אין דעם חודש אלול עפנט זיך טאַקע די 'שערי חכמה'. מען קען יעצט זוכה זיין צו דעם אמת'ן שכל, אָבער דאָס מיינט נישט אַז ס'איז שוין אָנגעקומען אין אונזער מח! עס מיינט בלויז אַז די ריכטיגע 'שכל' איז אַסאַך נענטער ווי געוויינליך, און מיר האָבן יעצט די פּאַסיגע געלעגנהייט דאָס צו באַקומען!

## וויאַזוי קענען מיר טאַקע באַקומען און נאָנט ווערן צו דעם ריכטיגן 'שכל'?!

## דער יסוד אין דער בריאה פון 'ה' צלך'

דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט זיין בריאה אויף אַן אופן אַז אויב דער מענטש מאַכט אַן 'אתערותא דלתתא' וועט עס מעורר זיין אויבן אַן 'אתערותא דלעילא'. ווען אַ איד טוט אַ גוטע פעולה דאָ אויף דער וועלט, מאַכט ער אַז מען זאָל אים געבן פון הימל די זעלבע זאַך אַסאַך מער! **מיר דאַרפן נאר עפענען אַ 'פתח' דאָ אויף דער וועלט מלמטה, און דער אויבערשטער וועט עפענען אַ 'פתח' דאָרט מלמעלה און ער וועט אונז באַגיסן מיט שפע!**

מיר קענען אַלע דעם מושג פון **'ה' צלך'** - וואָס דער **של"ה הק'** ברענגט פונעם מדרש, און דער **בעש"ט הק'** האָט אַסאַך געאַרבעט דערמיט - אַז די הנהגה פון דעם רבוש"ע שפּיגלט אָפּ די הנהגה וואָס דער מענטש פירט זיך דאָ אויף דער וועלט. אויב דער מענטש וועט טון געוויסע פעולות וועט קומען אַ שפע אויף דעם ענין, לויט זיין הנהגה.

## 'ה' צלך' אַרבעט זייער ספּעציפיש לויט וועלכע פעולה מען האָט געטון

די סוגיא פון 'ה' צלך' אַרבעט נישט באופן כללי, אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש טוט גוטע זאַכן וועט ער באַקומען גוטע זאַכן. נאר עס אַרבעט זייער בפרטיות. דאָס הייסט אַז ווען אַ מענטש טוט אַ געוויסע סאָרט עבודת ה' וועט ער באַקומען פון אויבן די גרעסערע חלק פון די 'זעלבע' עבודת ה' וואָס ער האָט געטון.

## 'ה' צלך' ביי די מדה פון 'רחמנות'

לאָמיר נעמען אַלס אַ ביישפּיל די מדה פון 'רחמנות': ווען אַ איד דינט דעם אויבערשטן מיט 'רחמנות'; ער הערט אויס יענעמס וויטאָג, ער העלפט יענעם, האָט ער יעצט באַקומען די מתנה פון 'ה' צלך' אויף דעם ענין פון רחמנות! ווי חז"ל זאָגן: **"כל המרחם על הבריות"** - אַז דו האסט רחמנות געהאַט אויף אַ צווייטן איד, וועסטו באַקומען אַ ספּעציפישע שפע: **"מרחמים עליו מן השמים"** - דו וועסט יעצט באַקומען די הנהגה פון רחמנות.

די זעלבע זאַך איז ביי צדקה: ווען אַ איד גיט צדקה וועט מען פון הימל אים געבן צדקה! וועלכע ענין דער מענטש טוט איז ער דורכדעם מעורר אַ שפע פון הימל אויף דעם פּרטיות'דיגן ענין.

## 'ה' צלך' ביי די מדה פון 'סבלנות'

נאָך אַ ביישפּיל איז דער ענין פון: **"כל המעביר על מידותיו מעבירין לו על כל פשעיו"**. - דאָס האָט נישט דוקא מיט רחמנות. לדוגמא, ווען צוויי שכינים האָבן אַ סכסוך, קומט דאָ נישט אַריין קיין רחמנות, יענער איז נישט קיין רחמנות... עס קומט אָבער יאָ אַריין די מדה פון 'סבלנות', אַז אַ איד זאָל קענען מוותר זיין און פאַרמאַכן דאָס מויל.

כאָטש ס'איז אים ביטער שווער און כאָטש וואָס יענער איז באמת נישט געדעכט, זאָגט דער מענטש: "יעצט גיי איך דינען דעם אויבערשטן מיט 'סבלנות', יענער גייט נישט ווערן גערעכט אָבער איך גיי זיין אַ 'מעביר על מדות'. איך נישט שרייען, איך גיי נישט צוריקענטפערן".

אַצינד האָט ער מעורר געווען אַ נייע הנהגה, אַז מען זאָל אים אויסמעקן פון זיינע עבירות! איי, פאַרוואָס עפעס זאָל מען אים אויסמעקן זאַכן וואָס ער האָט געזינדיגט? דער תירוץ איז אַז **עס קומט זיך אים יעצט אַזאַ סאָרט הנהגה פון 'מעבירין לו על כל פשעיו'!** ווייל ער האָט מעורר געווען אַט די מדה אין הימל! יעדע פון די תרי"ג מצוות איז משפיע אַן געוויסע פּרטיות'דיגע ענין פון אויבן.

## 'ה' צלך' ביי דעם ענין פון 'תשובה'

דאָס זעלבע זאַך שפּילט זיך אָפּ ביי דעם ענין פון תשובה. דער רבוש"ע דאַרף אונז געבן די 'שכל' וואָס דורכדעם קענען מיר זיך טוישן און פאַרבעסערן אונזערע מעשים.

אָט די 'שכל' איז בעצם דאָ, עס איז גרייט פאַר יעדן איד, און דער רבוש"ע וויל עס אונז געבן, אָבער מיר דאַרפן עפעס טון דערצו, אַן 'אתערותא דלתתא' צו ממשיך זיין די שפע.

אַ איד דרייט זיך אַרום און ער שפּירט אַז ער בלאָנדזשעט: "איך האָב שוין הונדערט מאָל פּרובירט צו אָנהויבן אָבער עס גייט נישט"... ער זאָגט נישט דאָס וואָרט "יאוש", ווייל אין זיין קרייז נוצט מען נישט דאָס וואָרט, אָבער למעשה איז עס דאָס... והא ראי' אַז אין די לעצטע צען יאָר האָט ער זיך נאָך גאָרנישט גערירט אין עבודת ה'. **פאַרוואָס גייט ער נישט אַרום מיט אַ שמחה שטייגנדיג פון איין מדריגה צו דער אַנדערער?! ווייל ער איז מיואש!**

ער האָט זיך טאַקע געמאַכט אַ שיינעם אָנשטעל אַז ער איז מסודר אָבער באמת גלייבט ער נישט אַז ער קען נאָך אַמאָל זוכה זיין צו אמת'ע נאָענטקייט צום אויבערשטן. פאַרוואָס גלייבט ער נישט?! ווייל ער האָט שוין אַזוי סאַך מאָל אָנגעהויבן און נישט געזען קיין הצלחה.

## וואָס פעלט באמת פאַר דעם מענטש? עס פעלט אים די אמת'ע 'שכל'! עס פעלט אים אַן עצה ווי אַזוי זיך צו טוישן!

אָט די 'שכל' איז בעצם שוין דאָ. ס'איז צוגעגרייט פאַר אים. ער דאַרף בלויז מאַכן אַן ענין פון 'ה' צלך', אַז דאָס זאָל טאַקע אָנקומען צו אים.

> **ער זאָגט נישט דאָס וואָרט 'יאוש', ווייל אין זיין קרייז נוצט מען נישט דאָס וואָרט, אָבער למעשה איז עס דאָס...**

## אתה חונן לאדם דעת; די ערשטע זאַך איז תפלה

כדי צו באַקומען די ריכטיגע שכל פון תשובה, דאַרף מען די ערשטע זאַך זיך גוט אויסוויינען ביי **'אתה חונן לאדם דעת'** און מתפלל זיין אַז השי"ת זאָל אים חונן דעת מיט די ריכטיגע עצה וויאַזוי צו זיין אַן ערליכער איד. צדיקים האָבן געזאָגט אַז די עיקר דאַרף מען אינזין האָבן ביי דער ברכה פון 'אתה חונן', ווייל אַז דער מענטש האָט די ריכטיגע דעת האָט ער אַלעס, ווי דער מאמר החכם **'דעת קנית מה חסרת'.**

## מען דאַרף אויך טון אַ פעולה פון 'ה' צלך'

דער אויבערשטער פאָדערט אָבער, אַז בנוסף צו 'תפלה', זאָל דער מענטש אויך טון אַ פעולה פון אַ מצוה וואָס זאָל ברענגען פון הימל די גוטע השפעות.

וואָס ווילן מיר באַקומען?! מיר ווילן האָבן די ריכטיגע 'שכל' צו קענען תשובה טון! אין 'חודש אלול' עפנט זיך דער פענסטער פון 'שכל', 'הבנה' און 'דעת'. ס'איז כמעט בהישג ידינו, נאר מיר וואַרטן בלויז אַז דער אויבערשטער זאָל אונז דאָס משפיע זיין. ער זאָל עס אַריינלייגן אין אונזער מח. דעמאָלט וועלן מיר זען אַז ס'איז יאָ דאָ אַ לעזונג פאַר יעדע סאָרט מצב ברוחניות. ס'איז באמת נישטאָ קיין יאוש, ווייל ס'איז דאָ אַן עצה דערצו!

## יעדע סאָרט פּראָבלעם האָט אַן 'עצה' פון דער תורה

דער אמת איז אַז **יעדע איינציגע פּראָבלעם האָט אַן עצה אין דער הייליגער תורה!** ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף אויף דער וועלט אַז 'דער פּראָבלעם איז גרעסער ווי די עצה'. ווייל די גאַנצע בריאה איז דאָך באַשאַפן געוואָרן דורך די תורה, און דעריבער איז שוין דאָ אין די תורה אַלע עצות פאַר אַלע מצבים.

דו מיינסט אַז דיין מצב איז נאָך קיינמאָל נישט געווען?! קען זיין אַז דאָס איז אמת ווען מען קוקט אויף דער וועלט, און אויף דיינע אַרומיגע חברים, ווי די באַקאַנטע טייטש אויף די **משנה 'אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו - ולמקומו לא תגיע'.** אָבער די תורה האָט זיכער יאָ אַ פּראַקטישע עצה אפילו פאַר דיין מצב! די תורה האָט אַ מהלך וויאַזוי דו זאָלסט קענען זיין בשמחה און מצליח זיין בעבודת השי"ת דיינע מדריגות און לויט דיינע תכונות הנפש!

## טון אַ פעולה פון 'שכל' וועט ברענגען אַ השפעה פון 'שכל'

אָט די 'שכל' און די 'עצה' קען מען בלויז באַקומען פון דעם רבוש"ע! דער אויבערשטער קען עס געבן אויב מען וויינט זיך אויס ביי 'אתה חונן', און מען טוט די ריכטיגע 'אתערותא דלתתא'.

וואָס איז טאַקע די 'אתערותא דלתתא' וואָס קען ברענגען די שפע אַז דער שכל זאל אַריינקומען אין אונזער מח?! **דאָס איז דורך דעם כלל פון 'ה' צלך'**, ווען אַ מענטש נוצט זיין אייגענע 'שכל' צו טון ריכטיג תשובה, דעמאָלט וועט עס מעורר זיין אַ העכערע 'שכל' פון הימל אים צו העלפן!

ס'איז דאָ ענינים וואָס מען ווייסט אַז דאָס איז

אַ סגולה פאר 'פּרנסה', דאָס איז אַ סגולה פאַר קינדער, וכדומה, **װעלכע זאַך איז אַ סגולה פאר שכל?! אַז מען זאָל אָנהויבן נוצן דעם שכל!** 'ה' צלך' איז טייטש: **הייב אן נוצן דיין קאָפּ! נישט װייל דו האַלטסט אַז דו ביזט אַזוי קלוג, נאר מיט אַ ריינע כוונה צו דינען דעם אויבערשטן מיט דיין 'אתערותא דלתתא'!** דעמאָלט װעט מען דיך געבן פון הימל אַלע איבריגע חלקים אין 'הבנה' װאָס עס פעלט זיך דיר אויס!

> **װעלכע זאַך איז אַ סגולה פאר שכל?! אַז מען זאָל אָנהויבן נוצן דעם שׂכל!**

ג

# חשבתי דרכי; האָב נישט מורא זיך צו טרעפן מיט'ן אמת

## דער יצר הרע פון 'עצלות המח'

ס'איז דאָ אַ יצר הרע, װאָס הייסט 'עצלות המח', װאָס זאָגט אונז כסדר: **"טראַכט נישט! שטופּ דאָס אַװעק פון דיין מח!"**. אַמאָל איז דאָס צוליב די טרדות װאָס דרוקט אויפ'ן מענטש, און אַמאָל איז דאָס װייל מען האָט פּשוט מורא אַז אויב װעט מען טראַכטן װעט דאָס אונז קאסטן אַ טייערן פּרייז...

דער מענטש באַקומט די בילס פון גאַז און עלעקטעריק אָבער ער װאַרפט עס אַװעק. פרעגט מען אים: "ר' איד, פאַרװאָס טוסטו דאָס? דו גייסט דאָס סיװוי שפּעטער דאַרפן באַצאָלן נאָך מיט רבית?!"... אָבער דער מענטש האָט דאָך נישט צו באַצאָלן דעריבער שטופּט ער עס ענדערש אָפּ, װייל ער האָט מורא צו טון עפּעס. ס'איז צו אַ פאַרװייטאָגטע נושא.

דאָס זעלבע װיל אַ מענטש נישט נוצן זיין מח װען עס קומט צו 'תשובה'. **ער שטופּט אַװעק אַלע מחשבות, װייל ער װייסט נישט װאָס עס גייט געשען װען ער גייט עפענען זיינע פּראָבלעמען!** ער האָט מורא אַז ער גייט זיך דערזען מיט די זאַכן װאָס ער דאַרף פאַררעכענען. דערפאַר שטופּט ער עס ענדערש אַװעק.

## די עבודה פון 'וידוי' איז צו זיך אָפּשטעלן טראַכטן

דער רצון ה' איז אָבער אַז טראָץ די שװעריגקייט, זאָל דער מענטש זיך מבטל זיין צום אויבערשטן און ער זאָל יאָ אַלעס עפענען!

דאָס איז בעצם די עיקר הבנה פון די מצוה פון 'וידוי', װאָס דער פּסוק זאָגט: "והתודה אשר חטא עליה", אַז די ערשטע זאַך פון תשובה איז דער מענטש זאָל זיך מתודה זיין. דער **רמב"ם** פּסק'נט טאַקע אַזוי אין אָנהויב **'הלכות תשובה'** אַז װען אַ מענטש װיל תשובה טון איז דאָ אַ מצות עשה דאורייתא צו זאָגן וידוי.

די מצוה פון 'וידוי' איז נישט טייטש בלויז זאָגן די װערטער, נאר עס מיינט בעיקר אַז דער מענטש זאָל אַרויסזאָגן דעם חטא! איי, ער דאַרף דאך דערפאַר פּונקטליך װיסן װאָס די חטא איז?! אָה, דאָס איז טאַקע דער פּלאַן! **דערפאַר האָט דער אויבערשטער געגעבן די מצוה פון 'וידוי', אַז דער מענטש זאל אַביסל אָנהויבן נוצן דעם מח!** ער זאָל פּרובירן זיך אויסקלאָרן: ביי װעלכע זאַכן בין איך זיך טועה?!

## די שװעריגקייט זיך צו באַגעגענען מיט'ן אמת

דער יצר הרע װיל אַז דער מענטש זאל טראַכטן 'באופן כללי'; "מען דאַרף תשובה טון"... דער עיקר אַז מען זאָל נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים... װייל דער יצר הרע װייסט אַז װילאַנג דער מענטש נארט זיך אליינס, דעמאָלט װעט ער נישט גאָרנישט פאַררעכטן.

## דאָס איז דער 'טבע האדם' אַז מיר האָבן זייער מורא זיך צו טרעפן מיט'ן אמת.

עס מאַכט זיך אַז מען באַשטעלט אַ קאַר סערװיס, און מען זאָגט אן פאר דעם דרייװער אַז ער זאָל קומען פּונקטליך אַכט אַזייגער, װייל ס'איז זייער װיכטיג. אָבער דער דרייװער האָט פאַרשפּעטיגט, און דער 'װעיז' זאָגט אים אַז ער גייט אָנקומען הערט צװעלף מינוט נאָך אַכט.

װאָס איז די געװענליכע שטייגער פון מענטשן? אַז דער דרייװער רופט אָן דעם מענטש און זאָגט: "עס קען זיין איך װעל שפּעטיגן מיט אַפּאָר מינוט, איך בין שוין אויפ'ן װעג אָבער ס'איז דאָ אַ שטיקל טראַפּיק"...

פאַרװאָס זאָגט ער: "עס קען זיין"?! פאַרװאָס "אַפּאָר מינוט"?! װייל ס'איז אים פּשוט שװער זיך צו טרעפן מיט'ן אמת... פּרובירט ער זיך אליינס צו נאַרן.

דאָס איז אַקוראַט װאָס דער מענטש טוט מיט זיך אליינס אַגאַנצע צייט! אַ מענטש לייגט זיך ביינאַכט גאָר שפּעט, ער איז זייער מיד און ער װייסט אַז ער גייט מאָרגן נישט קענען אויפשטיין צייטליך, זאָגט ער צו זיך אליינס: "עס קען זיין אַז איך גיי פאַרשפּעטיגן שחרית מאָרגן מיט אַפּאָר מינוט"... יעצט קען ער שוין רואיג שלאָפן, ער איז דאך אַן 'אונס'...

## לאָמיר זיך נישט אליינס נאַרן

דאָס לשון פון "עס קען זיין" װאָס דער מענטש זאָגט זיך, איז װיבאַלד ס'איז אים שװער צו טרעפן דעם אמת אין פּנים אַריין. דעריבער גייט אַלעס צו אויף אַן אופן פון "בערך"... דאָס גאַנצע לעבן איז "בערך", װייל ער װיל זיך נישט טרעפן מיט'ן אמת...

אָבער װיאַזוי װילסטו אַז דער אויבערשטער זאל דיך אַזוי געבן דעם ריכטיגן 'שכל'?! מיר װילן דאך נישט אַז אָדער רבוש"ע זאָל אונז געבן אַ 'בערך'דיגע' עצה, מיר װילן ער זאָל אונז געבן אַ פּונקטליכע שכל מיט אַלע דעטאַלן! דער אויבערשטער קען אונז טאַקע באמת געבן אַן עצה נכונה מיט אַלע סעיפים, אַז מיר זאָלן װיסן גענוי װיאַזוי זיך צו פירן אין יעדע סאָרט מצב, ער האָט אַ װעג אַז דאָס זאָל אַריינגיין אין אונזער מח! אָבער מיר דאַרפן טון אונזער חלק און נישט אליינס אָפּנאַרן!

## װאָס איז דער תועלת פון 'חשבון הנפש'

אין ספר 'חמדת דודי' װערט געברענגט אַז דער הייליגער **רבי פון לובלין** זי"ע האָט געפרעגט: לכאורה װאָס איז דער נפקא מינה פאַר'ן מענטש װען ער מאַכט אַ 'חשבון הנפש' און ער אַנערקענט אַלע חטאים װאָס ער האָט געטון. װאָס האָט מען דערפון?!

אַזויפיל מאָל קען מען זען אַז אַ מענטש װיל נישט פאַרציילן אַלע זיינע קאָמפּליקאַציעס און פּראָבלעמען, װייל ער פרעגט "װאָס איז די תכלית אַז איך זאָל יעצט דערציילן צװיי שעה אַלע מיינע מעשיות, װאָס װעט מיך עס העלפן?!".

דאָס זעלבע פרעגט דער הייליגער לובלינער: װאָס האָט דער מענטש דערפון אַז ער דערמאַנט אַלע זיינע עבירות?! װאָס איז די תועלת אַז ער זאָל װיסן פּונקטליך װיפיל מצות עשה'ס און װיפיל לא תעשה'ס ער האָט עובר געװען?! װאָס װעט אים עס העלפן?!

## דורך אַן אמת'ע 'חשבון הנפש' װערט מען נאָענט צום אויבערשטן

האָט דער רבי פון לובלין געענטפערט אַז װען אַ מענטש איז אַ 'מחשב בנפשו', ער לעבט מיט אַ ריכטיגע 'חשבון הנפש', דעמאָלט װערט ער דבוק צום אמת, און **אַז ער איז דבוק צום אמת באַקומען אַלע זיינע מעשים דעם חותם פון דעם אויבערשטן!** װייל 'חותמו של הקב"ה אמת' - דעם אויבערשטנס זיגל איז אמת!

דער רבוש"ע פאָדערט בלויז פון דעם מענטש אַז ער זאָל טון 'זיין חלק'. דער מענטש האָט נישט די גאַנצע עצה פאר אַלע זיינע ענינים, אָבער װען ער װעט טון זיין קליינע טייל װעט דער אויבערשטער אים העלפן מיט דאָס איבריגע.

דער חלק פון דעם מענטש איז צו טון די מצוה פון 'וידוי' אויף אַ פּראַקטישן און אויפריכטיגן אופן: מאַך זיך אַ חשבון װאָס זענען דיינע עבירות, אָבער דאָס זאָל נישט זיין אָפּגענאַרט און נישט 'בערך'... נאר ס'זאָל טאַקע זיין פּונקטליך. "דאָס איז אן עבירה דאורייתא, דאָס איז אַ דרבנן, און דאָס איז אַ ספק דאורייתא אָדער אַ ספק דרבנן".

ס'איז טאַקע נישט געשמאַק, דער מענטש װיל דאָס נישט הערן. ער װעט ענדערש זאָגן "װואו שטייט אַז מען טאָר נישט". נו, אדרבא, אין אַזאַ

פאַל, זיי דאָס טאַקע מברר! בדרך כלל ווען אַ מענטש פרעגט 'וואו שטייט אַז מען טאָר נישט' איז דאָס שאלות פון דאורייתא'ס... צ.ב.ש. ווען עס קומט צו ענינים פון 'לשון הרע' וכדומה.

אויב האָסטו טאַקע מברר געווען אַז די זאַך איז מותר, דעמאָלט שרייב דיך אָפּ דעם פונקטליכן מקור, מיט דעם מראי' מקום וואו עס שטייט אַז ס'איז הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן, נישט 'בערך' און נישט 'כ'האָב געהערט בשם איינעם אַז מען מעג דאָס טון'...

## אַז מיר טוען דאס ביסל 'חשבון הנפש' וועט מען אונז געבן אַ שפע פון 'דעת'

אָט דאָס איז 'וידוי דאורייתא'! און **ווען אַ מענטש לעבט אַזוי לעבט ער מיט'ן אמת**, און אַז ער לעבט מיט'ן אמת דערנענטערט ער זיך צום אויבערשטן, וואָס זיין חותם איז אמת. אַזוי זאָגט דער הייליגער לובלינער זי"ע!

אַצינד זאָגט דער רבוש"ע: **"דו האסט געטון דיין חלק, האסט גענוצט דיין שכל, האָסטו יעצט געמאַכט אַ כלי אַז די שכל פון אויבן זאָל קענען חל זיין אויף דיר! בלויז צוליב די עצם זאַך, אַז דו האסט גענומען די שטאַרקייט דאָס צו טון, וועסטו דערפאַר באַקומען די 'עצה' און די 'שכל' וואָס וועט דיך העלפן דינען דעם אויבערשטן!"**

האָב נישט מורא דאָס צו טון! די פּחד קומט בדרך כלל ווען אַ מענטש רעדט זיך איין ס'וועט אים זיין גרינגער און געשמאַקער נישט צו טראַכטן וועגן זיינע פּראָבלעמען, אָבער דאָס איז נישט ריכטיג! דאַרפסט טאַקע נישט מפרסם זיין דיינע חטאים, ווי חז"ל לערנען אַרויס פון דעם פּסוק: "**אשרי נשוי פשע כסוי חטאה**", קיינער האָט נישט געזאָגט אַז זאָלסט עס מפרסם זיין פאַר אַנדערע, אָבער פאַר דיר, בינך לבין קונך, מאַך אַן 'אתערותא דלתתא'! נוץ יאָ דיין שכל! דעמאָלט וועט דער רבוש"ע דיך צוריקגעבן אַ מתנה פון 'שכל', און **דאָס איז דאך די גרעסטע מתנה וואָס קען זיין!** ווייל וואָס מער אַ מענטש וועט נוצן זיין שכל וועט ער באַקומען נאָך שכל פון הימל!

## דער 'נדבן הבנין' דאַרף קודם זען צי דער 'מקבל' ווייסט וואָס ער וויל...

משל למה הדבר דומה: ס'איז דאָ אַ איד וואָס פירט אַ מוסד, און עס כאַפּט אים אָן אַ התעוררות אַז מען דאַרף בויען אַ נייע בנין, ווייל ס'איז שוין אַ געוואַלדיגע געברויך פאַר דער תלמוד תורה. עס איז פאַרהאַן עטליכע קלאַסן פּאַראַלעל אין יעדע כתה, און דערווייל מוטשעט מען זיך אין 'קאַראַוואַנען'. מען מוז עפּעס טון דאָ.

דער מנהל זיצט און טראַכט, ווער קען דאָ זיין אַ פּאַסיגער נדבן פאַר אַזאַ בנין. ביז ער באַשליסט אויף אַ געוויסן איד, וואָס ער האַלט אַז יענער האָט אַ געפיל פאַר דעם מוסד, זיינע קינדער האָבן דאָך געלערנט דאָ און זיי האָבן שטאַרק מצליח געווען.

מען באַשטימט טאַקע אַן אַפּוינטמענט, און דער מנהל נעמט מיט נאָך איינעם, אַז ס'זאָל אויסקוקן ווי אַ דעלעגאַציע... זיי גייען אַרויף צו יענעם איד און זיי הייבן אָן אַראָפּצולייגן דעם פּראָבלעם, אַז מען פּלאָגט זיך זייער אין דעם קליינעם בנין, ס'איז נישט גוט פאר די קינדער און פאר די מלמדים, א.א.וו.

דער עושר וואַרט שוין צו הערן: "נו, וואָס ווילט איר טון צו דעם פּראָבלעם?", אָה, זענען זיי מסביר אַז מען האָפט צו בויען אַ נייעם בנין, און מען קוקט אַרויס אַז ער זאָל דאָס מנדב זיין. עס וועט ווערן אויפגעשריבן מיט גרויסע ווערטער "בנין..." און ס'וועט בלייבן אויף זיין נאָמען לדורי דורות.

פרעגט דער איד פון די צוויי אינגעלייט: "וויפיל וועט קאָסטן צו בויען אַזאַ בנין?!", און זיי ענטפערן: "הממ... עטליכע מיליאָן דאָלער". זיי הייבן אָן קוקן איינער אויפ'ן צווייטן און איינער זאָגט: "כ'מיין אַז ס'וועט קאָסטן בערך דריי מיליאָן דאָלער"... דער איד פרעגט זיי: "איר האָט דאָס מברר געווען?", זאָגן זיי: "ניין אָבער מיר שטעלן זיך פאָר אַז דאָס איז בערך די קאָסטן"...

ער קוקט זיי אַזוי אָן און פרעגט ווייטער: "וויפיל שטאָק גייט זיין דער בנין? ווי גרויס איז דער שטח?" - זיי ווייסן נישט. זיי האָבן נאָך ניטאַמאָל קיין שטח. "וואָס פאַראַ גרויסע שטח זוכן אייך?" - זיי ווייסן נישט. "וויפיל כתות גייט מען דאָרט בויען?". - זיי ווייסן נישט. ס'איז טאַקע דאָ אַ גרויסע ווארימקייט צו העלפן אָבער זיי האָבן נישט דאָס מינדסטע ידיעה וואָס זיי פּלאַנען צו טון...

אַלע וואָס זענען עוסק צו שאַפן געלט פאר דברים שבקדושה ווייסן אַז די ערשטע זאַך וואָס אַזאַ עושר וועט זאָגן איז: "בסדר! קודם זייט מברר פונקטליך, וויפיל יעדע זאַך וועט קאָסטן, מאַכט אַ פונקטליכע חשבון מיט די הוכחות דערויף, און ווען איר וועט האָבן אַ קלאָרקייט וואָס איר ווילט געני, זאָלט איר צוריקקומען און מען וועט זען אי"ה".

וואָס איז פשט פון דעם ענטפער: דער איד וויל נישט געבן קיין דריי מיליאָן דאָלער?! ער וויל יאָ געבן! אָבער ווען אַ נותן זעט אַז דער מקבל איז 'צעפלויגן', ער ווייסט אפילו נישט וואָס ער וויל, פאַרשטייט דער נותן אַז אויב וועט ער געבן יעצט דריי מיליאָן דאָלער וועט דאָס זייער שנעל ווערן פאַרפאַטשקעט.

דער מנהל וויל טאַקע בויען אַ בנין, אָבער ער האָט דאָך אויך אַלטע חובות פון דעם פריערדיגן בנין, און ער דאַרף דעקן דעם חודש'ליכן בודזשעט פון די מלמדים, עס וועט פון דאָס געלט גאַנץ שנעל ווערן אַ מלוה מלכה... און ס'וועט גאָרנישט בלייבן דערפון. דעריבער זאָגט ער זיי אַז עס אַרבעט נישט אַזוי! ווען ער וועט זען אַז אַלעס איז דאָ אויסגערעכנט, זיי ווייסן וואָס זיי ווילן און ס'איז דאָ אַ חשבון אויף יעדע דאָלער, דעמאָלט וועט ער רואיג קענען געבן דאָס געלט!

## כי ימינך פשוטה לקבל שבים; דער רבוש"ע וויל געבן, ער דאַרף נאר אונזער ערנסטקייט

דער מענטש קומט צום אויבערשטן און ער בעט פאר 'תשובה'. פרעגט אים דער אויבערשטער: "אויף וואָס ווילסטו תשובה טון?", - איך ווייס נישט! דער רבוש"ע פרעגט נאָכאַמאָל: "אויף וועלכע ענין ווילסטו תשובה?", און דער מענטש הייבט אָן שטאָלפּערן: "אָה, ער וויל תשובה טון אויף אַלעס".... דאָס אַרבעט נישט אַזוי. דער מקבל האָט נישט צוגעשטעלט זיין חלק!

דער רבוש"ע וויל פון אונז אַז מיר זאָלן אָנהויבן מיט אַן 'אתערותא דלתתא', נישט ווייל דער מענטש קען עפּעס טון, נאר ווייל דער מענטש דאַרף זיין אַ ריכטיגער מקבל! דער אויבערשטער וויל דיך געבן אַ שפע, דו דאַרפסט זיך אָבער צוקלעבן צום אויבערשטן וועסטו קענען באַקומען די שפע פון שכל.

ווען דער מקבל קומט צום משפיע וועט ער באַקומען. ווייל דער רבוש"ע וואַרט דיך צו געבן, דו דאַרפסט זיך בלויז צושטעלן און ווערן אַ 'כלי לקבל'. **וויאַזוי ווערט מען אַ כלי? דורכדעם וואָס מען איז זיך מסדר דעם מח.**

דאָס איז דער תכלית פון 'וידוי.' פאַרדעם האָט מען מתקן געווען דעם גאַנצן סדר פון 'אשמנו בגדנו' און די אַלע 'על חטא'ס', ווייל דאָס העלפט דעם מענטש ער זאָל זיך קענען מתבונן זיין און זיך דערמאַנען אַלע פּראָבלעמען לויט די אלף בית, אַזוי אַז ווען ער קומט אָן צ.ב.ש. צו "זלזול הורים ומורים" זאָל ער זיך קענען אָפּשטעלן און זיך כאַפּן: **"אוי, כ'האָב אפילו נישט געטראַכט דערפון"...** .

## זיך מתגבר זיין אויף אונזער 'עצלות המח'

די עיקר זאַך וואָס דער מענטש דאַרף טון צו באַקומען 'שכל' פון הימל, איז אַז **ער זאָל זיך מתבונן זיין וואָס זענען די צענטראַלע פּראָבלעמען וואָס ער דאַרף פאַררעכטן.**

ווען אַ מענטש טראַכט אַריין וועט ער זען אַז ס'איז דאָ אַסאַך פּרטים וואָס ער קען דאָרט נכשל ווערן כסדר, אָבער ס'איז דאָ אַ זאַך וואָס איז אַ צענטראַלע פּרט אין זיין סדר היום וואָס איז קרום. צום ביישפּיל וועט ער זיך כאַפּן אַז יעדן טאָג פאָרט ער אַ דריי-פערטל שעה צו דער אַרבעט און ער נוצט נישט אויס די צייט, אָדער וועט ער זיך מתבונן זיין אַז זיינע נעכט ווערן פאַרפּאַטשקעט מיט דברים בטלים.

## נוצן אונזער התבוננות צו אויפכאַפּן די עיקר מכשולות

דער מענטש דאַרף זיך אַוועקזעצן און זיך אליינס באַטראַכטן, וואו איז פאַרהאַן 'דברים שרשיים' וואָס ער דאַרף מתקן זיין. און אויב ער טרעפט צוויי עיקר פּראָבלעמען זאָל ער זיך מתבונן זיין: וועלכע פון די צוויי זעט אים אויס מער שורש'דיג.

לדוגמא אויב דער מענטש טרעפט אַז ער פאַלט אַסאַך דורך אין צוויי הויפּט פּראָבלעמען; "שמירת עינים" און "ביטול הזמן", זאָל ער זיך מתבונן זיין וועלכע איז מער שורש'דיג פון די צוויי.

אַסאַך מאָל איז זיין גרעסערע פּראָבלעם דער ענין פון "ביטול הזמן" ווייל **אויב ער וועט דאָס פאַררעכטן וועט שוין במילא אויך פאַרראָכטן ווערן די צווייטע פּראָבלעם**, ווי דער הייליגער קאָצקער זצ"ל האָט געזאָגט אַז ער וויל אַז זיינע אינגעלייט זאָלן זיין אַזוי פאַרנומען מיט גוטע זאַכן, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין צייט צו טון עבירות...

נאָכדעם וואָס דער מענטש טרעפט זיין חסרון, זאָל ער טראַכטן: "וואָס איז דער גורם פון דעם ביטול הזמן?". אַסאַך מאָל וועט ער זיך כאַפּן אַז דאָס קומט פשוט, ווייל ער האָט נישט קיין געהעריגע באַשעפטיגונג. זאָל ער זיך מקבל זיין אַז ער גייט זיך אונטערנעמען צו טון עפּעס אַ גוטע זאַך לכבוד חודש אלול.

דער עיקר געדאַנק איז: **"נוץ דיין שכל! שטופּ נישט אַוועק דיינע פּראָבלעמען!"**. דער מענטש קען דאָך אליינס אָנקומען צו אַזויפיל זאַכן, ער דאַרף זיך נאר מתגבר זיין אויף דעם 'עצלות המח' און דעמאָלט וועט אים שוין דער רבוש"ע געבן אַזויפיל 'דעת' און 'עצה טובה' צו קענען באמת תשובה טון.